א גוט געבענטשט יאר אלע אידן. 10 יאר נאך די הסתלקות פון דעם ווילנער גאון ז״ל זענען אסאך פון זיינע תלמידים געפארן קיין ארץ ישראל וואו זיי האבן מיסד געווען אן אשכנזישע קהילה. די תלמידים זענען ארויסגעפארן צוזאמען אין קליינע גרופעס אויף פארשידינע שיפן דורך עטליכע יארן. אזוי ווי עס איז באוואוסט, דאס פארן מיט א שיף דעמאלט בערך 200 יאר צוריק איז געווען א סכנהדיגע נסיעה צוליב דעם שווערן וועטער און די שוואכע שיפן. איינע פון די נסיעות איז געפירט געווארן דורך איינעם פון דעם גאונס גרעסטע תלמידים ר׳ ישראל פון שקלאוו, דער בעל מחבר פון די ספרים ״פאת השולחן״ און ״תקלין חדתין.״

דאס יאר איז געווען תקס״ט. ר׳ ישראל שקלאווער מיט בערך 150 פון זיינע תלמידים זענען צוזאמענגעקומען צו פארן קיין ארץ ישראל. פאר זיי זענען אפילו אנגעקומען צום שיף, האבן זיי געדארפט פארן א היבשע מהלך מיט פערד און וואגן פון זייער שטעט ביז צום ים וואו זיי האבן געדארפט ארויפגייען אויף דעם שיף. סוף כל סוף, נאך עטליכע טעג פארן מיט א וואגן, זענען זיי ארויפגעגאנגען אויף דעם שיף, מיט דעם האפנונג אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן די ריכטיגע סיעתא דשמיא צו קענען אנקומען לשלום קיין א״י, וואו זיי וועלן קענען אויפבויען א אידישען ישוב אין דעם הייליגען לאנד.

די נסיעה האט געדארפט נעמען עטליכע חדשים. דורך דעם ערשטען חודש איז דאס וועטער גאנץ פיין געווען. אבער, פלוצלינג איין טאג האט עס אנגעהויבן צו רעגענען שטארק. פאר עטליכע טעג האט עס גערעגענט און האט געבלאזן א שטארקען ווינט. דאס שווערע וועטער האט געשאקעלט דעם קליינעם האלצערנע שיף ארויף און אראפ. גרויסע כוואליעס האבן געקראכט אויפן שיף דורך דעם שטארקען שטורעם. וואסער איז אריינגעגאסן אין דעם שיף. קינדער האבן אנגעכאפט זייער מאמעס און עלטערן האבן געזאגט תהלים. דער מצב איז געווען שווער.

נאך צוויי טעג פון דעם שטארקען שטורעם האט דער קאפיטאן מורא געהאט אז דער שיף וועט אינטערגייען. ער האט געהייסן אז יעדער איינער זאל ווארפן עפעס פון זייערע זאכן אין די וואסער אריין כדי דאס שיף זאל זיין לייכטער. צוביסלעך האט דער עולם טאקע געווארפן רוב פון זייער פארמעגן אין דעם ים אריין.

דער קאפיטאן האט גערופן ר׳ ישראל, וועמען ער האט געוואוסט אלס דער הויפט פון די אידישע גרופע. דער קאפיטאן האט דערציילט פאר ר׳ ישראל אז אין זיינע 30 יאר אויף דעם ים, האט ער קיינמאל נישט געזען אזא געפערליכען שטורעם. ער האט געזאגט ווייטער פאר ר׳ ישראל אז ער זאל איבערגעבן פאר זיינע מענטשן אז לויט אים, וועט דער שיף פארזינקען ווערן.

ר׳ ישראל איז אראפגעגאנגען אונטער כדי איבערצוגעבן די נייעס צו דעם עולם. ר׳ ישראל האט געטראכט וועגן די אלע יארן וואס זיינע תלמידים האבן צוזאמענגענומען געלט און געווארט און געפלאנט צו קומען קיין ארץ ישראל. יעצט וועט אלעס ענדיגען אין דעם טיפען וואסער. ער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגן פאר זיי...

ער האט פארזאמעלט דעם עולם און ער האט אנגעהויבן צו רעדן זאגענדיק אז באלד וועלן זיי אלע זיין אין עולם העליון. און אויב אזוי, האט ער געזאגט ווייטער צוריקהאלטענדיג טרערן, זאלן זיי שוין זאגן וידוי. ״דער גמרא זאגט אז ס׳איז נישט ריכטיג פאר איינעם צו מגלה זיין זיינע חטאים ברבים. אבער, דאס איז געזאגט געווארן נאר אויב אלע צוהערערס וועלן בלייבן לעבן. וויבאלד אז מיר אלע גיין זיין אין עולם העליון צוזאמען, איז עס כדאי פאר אונז אויסצורעדן אונזערע חטאים ברבים. ווייל דורך דער בושה וואס וועט אויסקומען, וועט עס זיין א כפרה פאר אונזערע נשמות. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו גיין גלייך אריין אין גן עדן!״ די תלמידים פון ר׳ ישראל, וואס זיי אליינס זענען געווען גרויסע תלמידי חכמים, האבן גלייך מסכים געווען דערצו.

טראץ די מורא וואס זיי האבן געהאט צו טון אזא זאך, האבן זיי זיך מיישב געווען אנצוהייבן א וידוי ברבים. זיי האבן אנגעהויבן מיט דעם יונגסטען מענטש, א אינגערמאן פון ווילנע. די ווינט און די כוואליעס האט געשטורעמט קעגן דעם שיף און אלע האבן געדארפט אנכאפן עפעס כדי נישט אראפצופאלן.

דער אינגערמאן איז געווען אזוי שטארק איבערגענומען מיט התרגשות אז ער האט אנגעהויבן צו וויינען און ער האט געזאגט, ״פאר צוויי יאר, האב איך עובר געווען אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם. איך האב דערציילט ליגענט פאר מיין מאמע, טאג אחר טאג. און איך האב חרטה וועגן דעם. אבער, איך וויל מסביר זיין פארוואס איך האב געטון וואס איך האב געטון, דורך דעם וועט דער אייבערשטער מיך אפשר מוחל זיין.״

״ווען איך בין געווען 13 יאר אלט, זענען מיינע עלטערן געקומען וואוינען אין ווילנע. מיר זענען גליקליך געווען צו וואוינען לעבן דעם גאון, זי״ע. יעדען טאג ווען דער ווילנער גאון פלעג לערנען, איז עס געווען אזוי ווי מוזיק פאר אונזערע אוירן...״ *המשך יבוא.*

דאס געלעגענהייט צו טון תשובה איז א ריכטיגע מתנה פונעם באשעפער. אפילו א איד האט געזינדיגט דעם גאנצע יאר, קען ער אלעס אפווישן מיט טון תשובה אין איין רגע! זאגט רש״י הקדוש, אז ״ארך אפים.״ מיינט אז דער אייבערשטער איז ״מאריך אפו ואינו ממהר ליפרע שמא יעשה תשובה.״ (שמות לד,ו) ד״ה דער אייבערשטער האט סבלנות און ער באשטראפט נישט גלייך, נאר, ער ווארט אז א איד זאל טון תשובה. דורך טון תשובה וועלן מיר אלע זוכה זיין צו האבן א כתיבה וחתימה טובה. א גוט געבענטשט יאר אלע אידן.

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים אלע אידן

לע״נ יצחק אייזיק בן יוסף שמואל ע״ה

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג (845) 362-3234

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**